Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראָשען — היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 301 | לאדז, מיטוואך י"א טבת תרצ"א | אכטער יאהרגאנג | Łódź, Sroda, 31 grudnia 1930 r. | № 301

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

# אפגעשטעלט די אימיגראציע קיין אויסטראליע

## קיינער וועט מעהר נישט בעקומען קיין אויסטראלישע וויזעס

וואַרשא, 30 (טעלעפאָניש) די אויסטראַלישע רעגירונג האָט בעשלאָסען זיינגאנצען אָפּצושטעלען די אימיגראציע קיין אויסטראליען, אַזוי לאַנג ביז די לאַגע אין אויסטראליען וועט זיך נישט פערבעסערען. דער אויסטראלישער קאָנסול אין וואַרשאַ האָט שוין בעקומען א פעראָרדנונג נישט אַרויסצוגעבען קיין וויזעס, אַנ'אויסנאהם זעגען נאָר ענגלישע בירגער און טוריסטען.

## אמעריקא הויבט אן גרויסע ארבייטען פאר ארבייטסלאזע

### צו דעם צוועק איז בעשטימט געווארען 800 מיליאָן דאלאר

ניו-יאָרק, 30 (טו) דער פּרעזידענט פון דער ארבייטס קאָמיסיע אין אמעריקאנישען פּאַרלאַמענט לייטענאַנט וואוּדס האָט מיטגעטיילט, אַז אין עטליכע וואָכען ארום וועט די רעגירונג אונטערנעהמען גרויסע פּלענער צו פערזאָרגען די ארבייטסלאזע מיט ארבייט. די העלפט עפענטליכע און עפענטליכע ארבייטען וועלען דאַרפען א סומע פון 800 מיליאָן דאָלאר.

## דער דייטש-פוילישער האנדעלס-אָפּמאַך

### וועט נישט פערלענגערט ווערען

בערלין, 30 (סע. טעל.) די דייטשע רעגירונג האָט בעשלאָסען נישט צו פערלענגערען דעם דייטש-פוילישען האַנדעלס-אָפּמאַך. די דייטשע רעגירונג מאָטיווירט דאָס דערמיט, וואָס דער רייכסטאַג מאַכט שוועריגקייטען ביים ראַטיפיצירען אָפּמאַכען מיט פוילען.

## נאך וועגען דער קאלאניזאציע פון אנגאלא

ווי ס'איז געווען פאָרויסצוזעהען, האָט די ידיעה וועגען דעם, אַז פוילען האָט כלומרשט אָפּגעקויפט די קאָלאָניע אַנגאָלאַ אַרויסגערופען אַ גרויסען אינטערעס אין גאַנץ פוילען און בפרט ביי די פוילישע יודען. מיר זענען געווען די איינציגע, וואָס האָבען די ידיעה אויפגענומען קריטיש און געגעבען וועגען דעם ענין אויסשעפענדע אינפאָרמאַציעס, וועלכע ס'האָט נאָך אונז איבערגעדרוקט די וואַרשאָווער פּרעסע. איצט דערוויסען מיר זיך וועגען דעם ענין וויכטיגע פּרטים:

אויף מאָניושקי 5 אין וואַרשא געפינט זיך אַ געזעלשאַפט „קאָמיטעט פאַר ענינים פון פוילישער קאָלאָניזאַציע אין אַנגאָלאַ". מיט די ענינים פון'ם קאָמיטעט אינטערעסירט זיך צוו. אַנד. דער געוועזענער פוילישער געזאַנדטער גראַף אַדאַם טאַרנאָווסקי, פּרעזעס פון דיסקאָנטאָ באַנק בעניסלאַווסקי, גענעראַל דרעשער (אַלס פאָרשטעהער פון דער פוילישער ים- און קאָלאָניאַל-ליגע) און פיל אַנדערע אָנגעזעהענע פוילישע מלוכה-מענער.

די געזעלשאַפט, וואָס זאָל בעקומען די קאָנצעסיע איז געגרינדעט מיט אַ קאַפּיטאַל פון צוויי מיליאָן דאָלאַר. ווי מיר האָבען שוין געשריבען איז גראַף אַדאַם טאַרנאָווסקי נישט קיין אָנהענגער פון דעם, אַז ס'זאָל געשאַפען ווערען אַ ספּעציעל יודישע אַקציע אַרום דער אַנגאָלאַ-קאָלאָניזאַציע. מען האַלט, אַז דערמיט קען זיך עווענטועל פאַרנעהמען אַ ספּעציעלע יודישע געזעלשאַפט. די געזעלשאַפט, וואָס זאָל בעקומען די קאָנצעסיע דאַרף זיין פאָרמעל אַ פּאָרטוגעזישע מיטן זיץ-אָרט אין ליסאַבאָן. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט פאָהרען אַרויס אין אָנהויב יאַנואַר קיין ליסאַבאָן גראַף טאַרנאָווסקי און ה. בעניסלאַווסקי. דאָרט וועלען זיי צוזאַמען מיט'ן פוילישען געזאַנדטען פּערלאָווסקי און אינזש. ש. שווארץ זאַלבעפירט רעפּרעזענטירען די פוילישע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט (די געזעלשאַפט איז אַ געמישטע פויליש-פּאָרטוגעזישע) און שאַפען אָפיציעל די קאָנצעסיע-געזעלשאַפט מיט'ן אָפיציעלען זיץ-אָרט אין ליסאַבאָן.

וואַרשא, 30 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). די רעגירונג האָט [illegible] אַנ'אָפיציעלען קאָמוניקאַט, אַז וואָס שייך דער ידיעה וועגען דער קאָלאָניע אַנגאָלאַ, האַנדעלט זיך נישט וועגען אָפּקויפען די דאָזיגע קאָלאָניע.

## בעקאנטמאכונג.

די פערוואַלטונג פון „תלמוד תורה" בזשעזשינער 23 מאַכט בעקאַנט, אַז ס'ווערען [illegible] ערעפענט

# אָוונד-קורסען

אויף למודי קודש, עברי, חומש, רש"י, תנ"ך, משניות קיצור ש"ע פאַר קינדער. וואָס זענען אַ גאַנצען טאָג אין די געשעפטען, אָדער פאַר קינדער, וואָס געהען אין די פאָווסעכנע שולען. די קורסען הויבען זיך אָן [illegible]וועגד 7.30 ביז 10 אָוונד. מעלדען זיך קען מען יעדען טאָג אין קאַנצעלאַריע פון ת"ת, בזשעזשינער 23 פון 5–7 אַ זייגער אָוונד.

וכל הקודם זכה! די פערוואַלטונג.

# DYREKCJA
# Łódzkiego Towarzystwa Elektrycznego, Spółki Akcyjnej
## (Elektrownia Łódzka)

**zawiadamia swoich odbiorców energji elektrycznej, iż od dnia 2-go stycznia 1931 roku wydawane będą personelowi, spełniającemu czynności służbowe na mieście**

## legitymacje koloru rózowego z fotografjami

**zaopatrzone w pieczęcie oraz plomby firmowe i podpisy Dyrekcji. Leigtymacje te zawierają wyszczególnienie funkcyj służbowych oraz są ważne do końca 1931 roku. Dotychczasowe legitymacje zostały unieważnione.**

**PP. Odbiorców energji elektrycznej uprasza się o zażądanie okazania legitymacji służbowej przed rozpoczęciem czynności przez funkcjonarjusza elektrowni.**

**Na niniejsze rozporządzenie Dyrekcja Łódzkiego Towarzystwa Elektrycznego, Spółki Akcyjnej, specjalnie zwraca uwagę PP. Odbiorców, nadmieniając, że za nadużycia osób, niezaopatrzonych w legitymacje Towarzystwa, nie przyjmuje na siebie żadne odpowiedzialności.**

„קרן-היסוד", לאדז :: פילהארמאניע-זאל נאַרוטאָוויטש 20

מיטוואָך, י"ח טבת, 31-1 .7. 8.30 אָוונד קומט פאָר

# א פייערליכע ארץ-ישראל-אקאדעמיע

לכבוד דעם 10-יעהריגען יובילעאום פון „קרן-היסוד"

מיט דער בעטייליגונג פון הויפּט-דירעקטאָר פון קרן-היסוד אין ירושלים

## דיכטער ליב יפה.

איינלאַדונגס-בילעטען שוין צו בעקומען אין ביוראָ פון קה"י, צעגע ביאַנאַ 4.

# צו דער יודישער בעפעלקערונג!

דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט, אַז צוליב דעם, וואָס דאָנערשטאָג איז חנא, וועט מען נישט בעקומען קיין פרישע געשמאַקטע עופות.

די בעפעלקערונג ווערט דעריבער געבעטען זיך צו פערזאָרגען מיט עופות

אויף שבת היינט, מיטוואָך אָדער פרייטאָג.

מיט אַכטונג די פערוואַלטונג פון יודישען

## געפליגעל-הענדלער-פעראיין אין לאדז

פאַמאַרסקאַ 17.

